Itzik Manger in Song

Yiddish Tish: January 2025



Rabeynu Tam[1]

Text: Itzik Manger (1901-1969); Music: Hertz Rubin (1911-1958)

Lomir zingen dos sheyne lid
Haydl, didl, dam —
Vi di goldene pave flit
Ibern shvartsn *yam*.
Un trogt a libes-brivele,
A sheyne libes-brivele,
Far dem Rabeynu Tam.

לאָמיר זינגען דאָס שיינע ליד
הײַדל, דידל, דאַם -
ווי די גאָלדענע פּאַווע פליט
איבערן שוואַרצן ים.
און טראָגט א ליבעס-בריוועלע,
אַ שיינע ליבעס-בריוועלע,
פאַר דעם רבינו תּם.

Ver hot geshribn dos brivele?
Haydl, didl, day —
Geshribn hot dos brivele
Di *malke* fun terkay.
Geshribn es mit roytn tint
Un *farchasmet* es geshvind[2]
Mit heyse trern dray.

ווער האָט געשריבן דאָס בריוועלע?
הײַדל, דידל, דײַ -
געשריבן האָט דאָס בריוועלע
די מלכּה פון טערקײַ.
געשריבן עס מיט רויטן טינט
און פאַרחתמעט עס געשווינד
מיט הייסע טרערן דרײַ.

Vos shteyt geshribn in brivele?
Haydl, didl, du —
"Rabeynu Tam ikh libe dikh,
Vos zhe shvaygstu, nu?
Ikh ese nish', ikh trinke nish',
Ikh ver tsezetst[3] fun benkenish,
Ikh habe nisht keyn ru,"

וואָס שטייט געשריבן אין בריוועלע?
הײַדל, דידל, דו -
"רבינו תּם איך ליבע דיך,
וואָס זשע שווײַגסטו, נו?
איך עסע ניש', איך טרינקע ניש',
איך ווער צעזעצט פון בענקעניש,
איך האָבע נישט קיין רו."

1 Rabbeynu Tam – Rabbi Yaakov ben Meir (1100-1171) – a renowned legal scholar, Torah commentator and liturgical poet of Medieval Ashkenaz, living in Troyes (France). He was a grandson of Rashi.

2 Farchasmen – to seal (Hebrew *chatam*); geshvind – quickly

3 Tsezetst – hard hit

Vos zhe tut Rabeynu Tam?
Haydl, didl, de —
Er glet[1] di *peyes* un di bord
Un makht dray mol “fe”.
Un dos tsigele in shtal,
Un dos vayse tsigele
Helft im unter, “me”.

Nu un zi, di rebetsin?
Haydl, didl, doy —
Zi klapt im mitn valgerholts[2]
Un zogt tsu im azoy:
– Shikses lign dir in zin[3],
Nu un yakh, un yakh vu bin?
Dayn heys-gelibte froy!

Treft ver s’hot dos lid gemakht?
Haydl, didl, dam —
A shnayder-yung hot es gemakht
Lekoved dem Rabeynu Tam.
Un *shabes* tsvishn tog un nakht
Hot a *lets*[4] arayngelakht
Akurat tsum gram.[5]

וואָס זשע טוט רבינו תּם?
הײַדל, דידל דע -
ער גלעט די פּאה און די באָרד
און מאַכט דרײַ מאָל ”פע“.
און דאָס ציגעלע אין שטאַל,
און דאָס ווײַסע ציגעלע
העלפּט אים אונטער ”מע“.

נו, און זי, די רביצין?
הײַדל, דידל, דוי -
זי קלאַפּט אים מיטן וואַלגערהאָלץ
און זאָגט צו אים אַזוי:
- שיקסעס ליגן דיר אין זין,
נו און יאַך און יאַך ווו בין?
דײַן הייס-געליבטע פרוי !

טרעפט ווער ס'האָט דאָס ליד געמאַכט?
הײַדל, דידל, דאַם -
אַ שנײַדעריונג האָט עס געמאַכט
לכּבֿוד דעם רבינו תּם.
און שבת צווישן טאָג און נאַכט
האָט אַ לץ אַרײַנגעלאַכט
אַקוראַט צום גראַם.

1 Gletn – to stroke
2 Valgerholts – rolling pin
3 Lign in zin – to be on one’s mind
4 Letz – a joker, a wag, a prankster
5 Gram – rhyme

Soreh Zingt Itziklen a Shloflid

Text: Itzik Manger (1901-1969); Music: Dov (Dubi) Seltzer (b. 1932)

Di muter Soreh vigt di vig:
Shlof Yitzchokl tateh shlof!
Es pashet[1] oyf der lonke
Der pastukh zayne shof.

די מוטער שרה וויגט די וויג:
שלאָף יצחוקל טאַטע שלאָף!
עס פאַשעט אויף דער לאָנקע
דער פאַסטוך זיינע שאָף.

Zogt eyn shefele: s'iz tog,
Dos tzveyte zogt: s'iz nakht.
A *simen:* Berl der tzelniker[2]
Hot di krom farmakht.

זאָגט איין שעפעלע: ס'איז טאָג,
דאָס צווייטע זאָגט: ס'איז נאַכט.
אַ סימן: בערל דער צעלניקער
האָט די קראָם פאַרמאַכט.

A *simen:* bay Dovid-Ber dem shmid
Iz itzter sha un shtil,
A *simen:* Leyzer der milner dreyt
Di vontzes[3] far der mil.

אַ סימן: ביי דוד-בער דעם שמיד
איז איצטער שאַ און שטיל,
אַ סימן: לייזער דער מילנער דרייט
די וואָנצעס פאַר דער מיל.

Zogt dos ershte: neyn, s'iz tog.
A *simen:* in *go'ens* kloyz
Lernt dos Rabe Koterl[4]
Di *sidreh* mit der moyz.

זאָגט דאָס ערשטע: ניין, ס'איז טאָג.
אַ סימן: אין גאונס קלויז
לערנט דאָס ראַבע קאָטערל
די סדרה מיט דער מויז.

A *simen:* oyfn *chazens* dakh
Pashet dem shnayders tzig
Un Yitzchokl der kleyner ligt
Un shloft nokh nisht in vig.

א סימן: אויפן חזנס דאַך
פאַשעט דעם שניידערס ציג,
און יצחקל דער קליינער ליגט
און שלאָפט נאָך נישט אין וויג.

---

1 Pashen – to graze
2 Tzelnik – perhaps a notions peddler
3 Vontz – moustache
4 Koter – tomcat

Zogt dos pastukhl: nu ma,
To lomir ale geyn
Un fregn, tzi s'iz tog tzi nakht,
Bay Yitzchoklen aleyn.

זאָגט דאָס פּאַסטוכל : נו מאַ,
טאָ לאָמיר אַלע גיין
און פרעגן, צי ס'איז טאָג צי נאַכט,
ביי יצחקלען אַליין.

Nu ay-lyu lyu-lyu Yitzchokl,
Nu ay-lyu lyu-lyu shlof,
Es shteyen shoyn bay undzer tir
Der pastukh un di shof.

נו איי-ליו ליו-ליו יצחקל,
נו איי-ליו ליו-ליו שלאָף,
עס שטייען שוין ביי אונדזער טיר
דער פּאַסטוך און די שאָף.

Nu shtiler, shtiler, pastekhl,
Du zest dokh, az s'iz nakht.
A *simen:* Yitzchok Ovinu hot
Di eygelekh farmakht.

נו שטילער, שטילער, פּאַסטוכל,
דו זעסט דאָך, אַז ס'איז נאַכט.
אַ סימן : יצחק אבינו האָט
די אייגעלעך פאַרמאַכט.

A *simen:* zibn tropns toy
Blishtshen[1] oyf dem mon
Un s'shlofn oyf der sidele[2]
Di kvotshke[3] un der hon.

אַ סימן : זיבן טראָפּנס טוי
בלישטשען אויף דעם מאָן
און ס'שלאָפן אויף דער סידעלע
די קוואָטשקע און דער האָן.

Zogt dos pastekhl: nu ma,
Un geyt mit shtile trit
Un nemt in kleynem fayfl mit[4]
Der muter Sorehs lid.

זאָגט דאָס פּאַסטוכל : נו מאַ,
און גייט מיט שטילע טריט
און נעמט אין קליינעם פייפל מיט
דער מוטער שרהס ליד.

---

[1] Blishtshen – to sparkle, glitter; mon – poppy
[2] Sidele – a roost
[3] Kvotshke – seems a variant of katshke, "duck"; hon – rooster
[4] Mitnemen – take part in

Yidl Mitn Fidl

Music: Abraham Ellstein; Lyrics: Itzik Manger (1936)

Iber felder vegn,
Af a vogn hey,
Mit zun un vint un regn,
Forn *kleyzmer* tzvey.
A *chidish*[1]*,* oy, a *chidish,* zog ver zenen zey?

Yidl mitn fidl, Aryeh mitn bas.
Dos lebn iz a lidl,
To vos-*zhe* zayn in *kas?*
Hey yidl, fidl, shmidl, hey!
Dos lebn iz a shpas.

A tzig shteyt af der lonke
Un meket troyerik "meh."
"Hey, du tzig, du *shoyteh*.[2]
Troyerik zayn iz feh."
Shokelt er dos berdl, "Takeh takeh feh!"

Yidl mitn fidl...

A foygl flit, "Gut morgn,
Gut morgn, a gut yor,"
Der troyer un di zorgn
Tzu al' di shvartze yor.
Dem vint a lach in *ponim,*
Un yidl, yidl for!

Yidl mitn fidl...

איבער פעלדער וועגן
אויף אַ וואָגן היי
מיט זון און ווינט און רעגן
פאָרן כלי-זמר צוויי.
אַ חידוש, אוי, א חידוש, זאָג ווער זענען זיי?

ייִדל מיטן פידל, אריה מיטן באַס
דאָס לעבן איז אַ לידל
טאָ וואָס-זשע זייַן אין כעס ?
היי ייִדל, פידל, שמידל, היי !
דאָס לעבן איז אַ שפּאַס.

אַ ציג שטייט אויף דער לאָנקע
און מעקעט טרויעריק 'מע'.
היי, דו ציג, דו שוטה.
טרויעריק זייַן איז פע.
שאָקלט ער דאָס בערדל : טאַקע טאַקע פע!

ייִדל מיטן פידל...

אַ פויגל פליט 'גוט מאָרגן,
גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר,'
דער טרויער און די זאָרגן
צו אַלע די שוואַרצע יאָר.
דעם ווינט אַ לאַך אין פּנים, און ייִדל, ייִדל פאָר !

ייִדל מיטן פידל...

---

[1] *Chidish* – a novelty, a surprise (from Hebrew *chidush* – “renewal” or a new take on Torah)
[2] *Shoyteh* – fool, insane person (Hebrew *shoteh*)

Oyfn Veg Shteyt a Boym

Music: Unknown; Lyrics: Itzik Manger

Oyfn veg shteyt a boym
Shteyt er ayngeboygn,
Ale feygl funem boym
Zenen zikh tzefloygn.

Dray keyn *mizrech,* dray keyn *mayriv,*
Un der resht keyn *dorem.*
Un dem boym gelozt aleyn,
Hefker[1] farn shturem.

Zog ikh tzu der Mamen: "Her,
Zolst mir nor nisht shtern[2],
Vel ikh, Mame, eyns un tzvey,
Bald a foygl vern.

Ikh vel zitzn oyfn boym
Un vel im farvign
Ibern vinter mit a treyst[3]
Mit a sheynem *nign."*

Zogt di Mame: "Nite, kind,"
Un zi veynt mit trern.
"Kenst *cholileh* oyfn boym
Mir farfroyrn[4] vern."

Zog ikh: "Mame, s'iz a shod
Dayne sheyne oygn —
Un eyder vos, un eyder ven,
Bin ikh mir a foygl.

Veynt di Mame: Itzik kroyn,
Nem, um Gotes viln,
Nem *khotsh* mit a shalikl
Zolst zikh nisht farkiln.

Di kaloshn nem dir mit,
S'geyt a sharfer vinter —
Un di kutshme tu dir on,
Vey iz mir un vind mir.

Un dos vinter-leybl nem,
Tu es on, du *shoyteh*,
Oyb du vilst nisht zayn keyn gast
Tzvishn ale toyte."

Kh'heyb di fligl. S'iz mir shver
Tzu fil, tzu fil zakhn,
Hot di Mame ongeton
Dem feygele dem shvakhn.

Kuk ikh troyerik arayn
In der Mames oygn:
S'hot ir libshaft nisht gelozt
Vern mir a foygl.

---

1 Unclaimed, desolate
2 To hinder
3 *troyst*, comfort, consolation
4 freeze